רצונך", אבער דאס גופא קומט דורך דער עבודה בעקבתא דמשיחא. ויש לומר אז דאס איז מרומז אין דעם "ושם נעשה לפניך כמצות רצונך", וואס דער "שם" קומט דורך "ובקשתם משם" (כמ"ש בפרשתנו[103]), וואס "שם" גייט אויף דער דרגא הכי תחתונה שאין תחתון למטה ממנו, כמבואר הענין בלקו"ת[104].

ובפשטות - אז עס קומט די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, און דער ביהמ"ק השלישי קומט אראפ דא למטה בעוה"ז הגשמי - תחתון שאין תחתון למטה ממנו (דורך דעם וואס אידן מאכן פון עוה"ז החומרי - עוה"ז הגשמי), אזוי אז מ'קען אים זען בעיני בשר, "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", וביחד עם זה (וואס דאס קומט אראפ למטה מטה), איז דאס א מקדש נצחי, "מקדש אד' כוננו ידיך ה' ימלוך לעולם ועד".

וכל זה - אין אן אופן פון "מיד הן נגאלין".

* * *

כ. אין דעם ענין פון חמשה עשר באב (וואס בהתוועדות זו רעדט מען וועגן דער מעלה פון חמשה עשר באב) איז דא א "קלאץ קשיא", וכרגיל אז אויף א "קלאץ קשיא" איז מען ניט משים לב:

די איינציקע הוראה בפועל פון חמשה עשר באב על הזמן שלאחרי חמשה עשר באב [בנוגע ליום זה עצמו - זאגט מען דעמולט ניט קיין תחנון[105] והענינים הקשורים בזה, אבער א הוראה דערפון על הזמן שלאח"ז] זאגט די גמרא (כנ"ל ס"ו) - "מחמשה עשר באב ואילך דמוסיף לילות על הימים לעסוק בתורה" (און ווי אראפגעבראכט אויך לפס"ד הלכה, און אין הל' תלמוד תורה לאדה"ז[106]), ווארום לא איברי לילה אלא לגירסא[107] איז בשעת עס קומט צו מער זמן בלילה (מחמשה עשר באב ואילך) דארף מען אויסנוצן דעם זמן אויף מוסיף זיין בלימוד התורה.

און וויבאלד אז גדול לימוד שמביא לידי מעשה - איז פארשטאנדיק אז מחמשה עשר באב ואילך דארף אויך צוקומען מיום ליום א הוספה בכל המצוות ובכל עניני טוב וקדושה.

לאידך גיסא, געפינט מען נאך א מעלה בנוגע צו חמשה עשר באב - אז דעמולט איז "קיימא סיהרא באשלמותא", וכמבואר

---

103) ד, כט. 104) ראה לב, סע"ב. ובכ"מ. 105) שו"ע או"ח סקל"א ס"ו. סידור אדה"ז לפני "ובא לציון גואל". הוספה לשו"ע אדה"ז (להר"נ מדובראוונא) או"ח שם ס"ח. 106) פ"ד ס"ח. וראה פרישה לטור יו"ד סרמ"ו סקנ"ב. ש"ך לשו"ע יו"ד שם סקכ"ה. וראה מג"א או"ח סרל"ח.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

בחסידות דער עילוי בזה אז דער מילוי הלבנה קומט לאחרי הירידה בתשעה באב (כנ"ל ס"ד ואילך).

וואס דער ענין איז פונקט פארקערט ווי דער ערשטער ענין, ווייל דער ערשטער ענין איז א לימוד פון חמשה עשר באב על כל הימים שלאח"ז (אז "מחמשה עשר באב ואילך דמוסיף לילות על הימים לעסוק בתורה"), משא"כ דער ענין פון "קיימא סיהרא באשלמותא" איז דוקא נאר בחמשה עשר באב, ניט בימים שלפנ"ז און ניט בימים שלאח"ז: לפני חמשה עשר באב איז די לבנה מוסיף והולך ואור, און שטייט נאך ניט במילואה ביז חמשה עשר שבו, ולאחרי חמשה עשר באב איז די לבנה הולך ומתמעט.

שטעלט זיך א שטורעמדיקע קשיא:

דאס איז דאך א דבר והיפוכו אין חמשה עשר באב[108] – פון איין זייט זאגט מען אז דער עילוי פון חמשה עשר באב איז ניט נאר ביום זה נאר דאס ווערט נמשך בימים שלאח"ז, אז "מחמשה עשר באב ואילך דמוסיף לילות על הימים" דארף א איד מוסיף זיין מיום ליום בלימוד התורה ובכל עניני טוב וקדושה;

און פון דער צווייטער זייט פארבינדט מען די מעלה פון חמשה עשר באב דוקא מיטן מצב הלבנה, אז די מעלה פון חמשה עשר באב איז וואס "קיימא סיהרא באשלמותא", וואס דאס איז א מעלה דוקא נאר בחמשה עשר באב (און ניט לאח"ז), ואדרבה – לאחרי זה איז ניט נאר וואס עס קומט ניט צו קיין הוספה מיום ליום, נאר מיום ליום איז די לבנה הולך ומתמעט, פוחת והולך, ביז אז לפני המולד שטייט זי אינגאנצן בהעלם והסתר. היינט ווי שטימט דאס מיטן לימוד ראשון מחמשה עשר באב, אז מחמשה עשר באב ואילך דארף מען מוסיף זיין מיום ליום בלימוד התורה (דערפאר וואס דעמולט קומט צו בזמן הלילה)?!

כא. איז דער ביאור בזה [וכידוע אז דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר[109], און אויב מ'געפינט ניט דעם ביאור במקום אחר בתורה איז דאס א חסרון אין דעם אדם הלומד, כמ"ש[110] "כי לא דבר רק הוא מכם" – "ואם הוא רק, מכם הוא"]:

די סיבה אויף דעם וואס אין דער לבנה זיינען דא שטענדיק

---

107) עירובין סה, א. רמב"ם הל' ת"ת פ"ג הי"ג. טושו"ע או"ח סרל"ח. טושו"ע יו"ד שם סכ"ג. הל' ת"ת לאדה"ז שם. 108) וראה שיחת חמשה עשר באב תשד"מ סי"ט ואילך. 109) ברייתא דל"ב מדות – טו. וראה גם ירושלמי ר"ה פ"ג סוף ה"ה. 110) האזינו לב, מז. ירושלמי פאה פ"א ה"א.

שינויים, איז צוליב מיעוט הלבנה. וואס בתחלת הבריאה איז "ויעש אלקים את שני המאורות הגדולים"[111], מיט דער כוונה "להאיר על הארץ"[112]. דערנאך, מצד קטרוג הלבנה, האט דער אויבערשטער געזאגט "לכי ומעטי את עצמך"[113], און צוליב דעם זיינען דא שינויים אין דער לבנה, אז בתחלת החודש איז דער מולד הלבנה, ומיום ליום איז די לבנה הולך ומוסיף ואור, ביז ט"ו בחודש ווען "קיימא סיהרא באשלמותא", און דערנאך מיום ליום איז די לבנה הולך ומתמעט ביז דער רגע לפני המולד וואס די לבנה ווערט אינגאנצן נעלם.

ד.ה. אז בכללות זיינען דא צוויי סדרים ואופנים בשינוי הלבנה: בחצי ראשון של החודש (ביז ט"ו שבו) גייט עס אין א סדר מלמטה למעלה, הולך ומוסיף ואור. ובחצי השני של החודש, גייט עס אין א סדר מלמעלה למטה, הולך ומתמעט.

און דאס איז נוגע אויך אין עבודת האדם:

היות אז מ'זאגט "שהם עתידים להתחדש כמותה"[114] און ישראל מונין ללבנה[115] דערפאר וואס דומין ללבנה [וואָרום לבנה איז בחי' מלכות, כנסת ישראל, דער מקור פון אלע נשמות ישראל[116], ווי עס שטייט אין קבלה; אבער דער ענין איז מובן אויך פאר אן איש פשוט, ע"פ זה וואס ישראל מונין ללבנה און זיינען מקדש החודש], וואס דאס איז א דמיון אמיתי ע"פ תורת אמת ותורת חיים, א הוראה בחיים – איז פארשטאנדיק אז די עבודה פון א אידן דארף זיין בדומה צו דער לבנה, און זיי דארפן זיך אפלערנען בעבודתם פון דער לבנה.

שטעלט זיך די שאלה: בשלמא פון חצי ראשון של החודש ווען די לבנה איז הולך ומוסיף ואור אין "להאיר על הארץ" – איז פארשטאנדיק ווי א איד דארף זיך דערפון אפלערנען אויך בעבודתו, אז זיין עבודה פון "להאיר על הארץ", באלייכטן די וועלט מיט תורה ומצוות וקדושה, דארף זיין אין אן אופן פון מוסיף והולך ואור, ביז בתכלית השלימות – "קיימא סיהרא באשלמותא"; אבער וואס איז דער לימוד פון חצי שני של החודש ווען די לבנה איז הולך ומתמעט אין "להאיר על הארץ" – מ'קען דאך ניט זאגן אז אידן דארפן ח"ו ממעט זיין מיום ליום בעבודתם בתומ"צ "להאיר על הארץ", דאס איז דאך היפך הכלל פון "מעלין בקודש" ועאכו"כ אז "אין מורידין"?!

---

111) בראשית א, טז. 112) שם, טו. 113) חולין ס, ב. 114) בסדר קידוש לבנה מסנהדרין מב, א. 115) כט, א. ב"ר פ"ו, ג. ד"ה ויאמר לו יהונתן מחר חודש גו' תקס"ז (סה"מ תקס"ז ע' מח ואילך). עם הגהות – אוה"ת בראשית ד, סע"ב ואילך. 116) ראה רד"ה נחמו עת"ר (סה"מ עת"ר ע' רכא).

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

איז דערפון גופא מובן, אז כשם ווי אין עבודת האדם איז דא אן ענין וואס מ'לערנט אפ פון חצי ראשון של החודש אז ער דארף זיין מוסיף והולך ואור אין זיין עבודה להאיר על הארץ, אזוי איז אויך דא א לימוד בעבודת האדם פון חצי השני של החודש.

און דאס איז - אז די עבודה דארף זיין מתוך ביטול, און אין דעם גופא דארף זיין מעלין בקודש, וואס אין עבודת הביטול באשטייט די עלי' בקודש דערפון וואס בכל יום ויום קומט נאכמער צו אין ביטול, ד.ה. אז מיום ליום איז ער הולך ומתמעט במציאות וישות שלו, ביז אז עס קומט בסוף החודש און ער שטייט בתכלית הביטול, אינגאנצן קיין מציאות ניט (בדוגמא ווי די לבנה איז אינגאנצן בהעלם והסתר בסוף החודש קודם המולד).

כב. והביאור בזה:

א איד לערנט זיך אפ פון די לבנה - ישראל מונין ודומין ללבנה - בכללות אז זיין תפקיד איז "להאיר על הארץ", ער דארף באלייכטן זיך און (מצד אהבת ישראל) באלייכטן די אידן ארום אים און די גאנצע וועלט מיט תומ"צ.

און אין דעם גופא דארף ער שטענדיק מוסיף זיין, מוסיף והולך ואור, אזוי ווי די לבנה איז מוסיף והולך ואור בחצי ראשון של החודש, ביז ער קומט צו דער שלימות בזה, קיימא סיהרא באשלמותא, אז ער איז אינגאנצן פול מיט ליכטיקייט און באלייכט דעם ארום מיט דער סאמע פולער ליכטיקייט.

דערביי דארף ער אבער האבן א צווייטן לימוד און באווארעניש:

בשעת א איד איז ממלא בשלימות די עבודה "להאיר על הארץ" (ווי ער לערנט זיך אפ פון חצי ראשון של החודש) ביז אין אן אופן פון קיימא סיהרא באשלמותא, ער איז פול מיט ליכטיקייט און באלייכט זיך און דעם ארום מיט א שטארקער ליכטיקייט - קען ער זיך דערמיט איבערנעמען און דערפון זאל ביי אים צוקומען א הרגש של מציאות וישות.

אויף דעם קומט די צווייטע הוראה פון דער לבנה בחצי השני של החודש וואס דעמולט איז זי הולך ומתמעט, "לכי ומעטי את עצמך" - אז אזוי דארף אויך זיי ביי א אידן (וואס איז דומה ללבנה), אז ביי אים דארף זיין די עבודה מתוך ביטול, און ער זאל מרגיש זיין אז דאס איז זכות וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן אז ער קען משפיע זיין און באלייכטן אנדערע.

הנחת הת' בלתי מוגה

מ'קען פון אים אבער ניט גלייך מאנען אז ער זאל שפרינגען און גלייך ווערן אינגאנצן אויס מציאות, נאר מ'מאנט פון אים אז עבודת הביטול שלו זאל זיין מיט א סדר לאט לאט, אז כשם ווי די לבנה איז הולך ומתמעט מיום ליום, זאל ער אויך זיין אזוי, אז ער זאל מעלה זיין בקודש אין עבודת הביטול מיום ליום, ביז אז ער קומט צו תכלית הביטול וואו ער איז אינגאנצן ניט מרגיש אז ער איז א מציאות בפ"ע.

און דערנאך ווערט גלייך דער "מולד" מחדש, אז דער איד (שהם עתידים להתחדש כמותה) ווערט נולד באופן נעלה יותר לגמרי, און זיין עבודה "להאיר על הארץ" איז שלא בערך העכער ווי ס'איז געווען לפנ"ז - ווי דער כלל איז בנוגע צו יעדער ירידה, אז ירידה צורך עלי', אזוי אויך דער ביטול שלו ברענגט דערנאך אן עלי' נעלה יותר.

כג. ואדרבה:

דוקא מצד דעם וואס ביי אים איז דא דער "להאיר על הארץ" בתכלית השלימות (קיימא סיהרא באשלמותא), דארף עס ביי אים ארויסרופן א ביטול, ווי דער אלטער רבי איז מבאר באגרת הקודש[117] בפירוש הענין פון "קטנתי מכל החסדים"[118], אז "כל הקרוב אל ה' ביתר שאת והגבה למעלה מעלה צריך להיות יותר שפל רוח למטה מטה כו'".

וואס דערפון איז מובן, אז כל זמן א איד שטייט נאך פאר חמשה עשר בחודש, ווען ביי אים איז נאך ניט שלימות העבודה פון "להאיר על הארץ", מאנט זיך פון אים נאך ניט אזויפיל תכלית הביטול. משא"כ בשעת ער דערגרייכט די דרגא פון קיימא סיהרא באשלמותא - איז "כל הקרוב אל ה' ביתר שאת כו' צריך להיות יותר שפל רוח כו'", דעריבער הויבט זיך דעמולט אן די עבודה מתוך ביטול, אז בכל יום איז ער הולך ומתמעט במציאות וישות שלו, ביז ער דערגרייכט תכלית הביטול, און דעמולט ווערט ער נולד מחדש (ירידה צורך עלי'), כנ"ל.

כד. נאכמער:

די עבודה פון ביטול (בחצי שני של החודש) איז נאך א העכערער עבודה ווי די עבודה להאיר על הארץ (בחצי ראשון של החודש) - ווייל דוקא די עבודה פון ביטול איז א הכנה וכלי צו יחוד שמשא וסיהרא (דער מולד הלבנה מחדש) בראש חודש, וואס

---

117) סימן ב. 118) וישלח לב, יא.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

דעמולט ווערט די לבנה נתאחד מיטן מאור (שמש) עצמו.

ועד"ז בעבודת האדם - אז דוקא דער ענין הביטול איז א הכנה וכלי צו נתאחד ווערן מיט עצמותו ית' ("שמש ומגן ה' אלקים"[119]) וואס ער איז העכער פאר אלע אורות וגילויים.

וכמבואר בחסידות[120] אז דוקא "דכא ושפל רוח"[121] איז א כלי אויף עצמותו ית', מיטן משל לזה פון א מלך וואס פארנעמט זיך ניט אזוי מיט די שרים גדולים נאר דוקא מיט דכא ושפל רוח.

דאס הייסט:

דער חילוק צווישן די עבודה בחצי הראשון של החודש און בחצי השני איז: בחצי ראשון של החודש איז א איד מוסיף והולך ואור (אין דער עבודה פון "להאיר על הארץ"); בחצי השני של החודש איז א איד מוסיף והולך ומתבטל. וואס דאס איז נאך העכער פאר מוסיף והולך ואור: אור איז א מציאות, און ביטול איז היפך פון מציאות. און די כלי אויף נעמען מאור, וואס איז שלא בערך העכער פאר אור (מציאות), איז דוקא דער ענין הביטול און ניט אור.

במילא קומט אויס אז דוקא דער ענין פון הולך ומוסיף ומתבטל מיום ליום (בחצי שני של החודש) איז א הכנה צו יחוד שימשא וסיהרא, דער יחוד פון סיהרא מיטן מאור, בראש חודש.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט חמשה עשר באב: די משנה זאגט[122] אז בחמשה עשר באב "בנות כו' יוצאות וחולות בכרמים ומה היו אומרות בחור שא נא עיניך כו'", וואס די כוונה בזה איז געווען דער ענין פון חתונה - יחוד איש ואשה (בדוגמת יחוד שימשא וסיהרא). און די הכנה צו יחוד זה איז דער ענין הביטול פון דער כלה (מקבל) - כמבואר בחסידות[123] אז עס שטייט ניט "קול כלה" ווייל בזמן הזה (משא"כ לע"ל) איז "אין להכלה קול", "קול באשה כו'" (היפך פון א דבר טוב)[124].

כה. עפ"ז האט מען א ביאור אין נאך אן ענין:

דער אלטער רבי איז מבאר אין לקוטי תורה[23] אז בחודש אלול איז דער "מלך בשדה".

---

119) תהלים פד, יב. 120) אוה"ת בראשית כרך ו ע' תתרמז. לקו"ת ר"ה סב, א. ועוד. 121) ישעי' נז, טו. 122) סיום מס' תענית (כו, ב). 123) לקו"ת שה"ש מח, ב. מאמרי אדה"ז - הנחות הר"פ. סידור עם דא"ח קלב, א. ובכ"מ. 124) ברכות כד, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

שטעלט זיך די שאלה: יעדער גילוי דארף דאך האבן א הכנה בעבודת האדם – וואס איז די הכנה צו דער גילוי פון "מלך בשדה" בחודש אלול.

אמת טאקע, ס'איז מבואר בכ"מ[125] דער חילוק צווישן חודש תשרי און חודש אלול, אז חודש תשרי קומט לאחרי די עבודה מלמטה למעלה – תשרי איז "אני לדודי", אתעדל"ע הבאה ע"י אתעדל"ת, משא"כ בחודש אלול איז דער סדר "ודודי לי" און דערנאך "אני לדודי"[126] – דעמולט קומט פריער א גילוי מלמעלה למטה, אתעדל"ע מצ"ע, ממקום שאין אתעדל"ת מגיע שם – איז אבער ידוע אז יעדער גילוי, אויך אן אתעדל"ע שאתעדל"ת לא מגיע לשם, דארף האבן א כלי, עכ"פ א מעין כלי ומעין דוגמא והכנה בעבודה האדם[127].

איז דער ביאור בזה:

די הכנה ומעין כלי ודוגמא בעבודת האדם צו דער גילוי פון "מלך בשדה" בחודש אלול – איז די עבודת הביטול בחצי השני דחודש אב, וואס דאס איז א הכנה וכלי אויף דעם יחוד מיטן מאור, דעם מלך עצמו, בראש חודש אלול (מלך בשדה), כמשל הנ"ל אז דער מלך פארנעמט זיך דוקא מיט "דכא ושפל רוח".

כו. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין דער ביאור אויף די "קלאץ קשיא" הנ"ל (ווי שטימט דאס וואס מחמשה עשר באב ואילך דארף מען מוסיף זיין בלימוד התורה ובכל עניני טוב וקדושה, דערמיט וואס מחמשה עשר ואילך איז די לבנה הולך ומתמעט). ואדרבה: פון די קשיא גופא קומט ארויס א תוספות ביאור אין דעם גאנצן ענין:

ניט נאר וואס די צוויי זאכן זיינען קיין סתירה ניט זה לזה, נאר אדרבה – דאס גופא וואס מחמשה עשר באב ואילך איז די עבודה באופן הולך ומוסיף ובטל, גיט דאס צו אין די הוספה בלימוד התורה מחמשה עשר באב ואילך, ווארום די אמת'ע הצלחה בלימוד התורה איז דוקא לאחרי די הכנה פון ביטול; ועד"ז בכדי דערגרייכן דעם שכר אויף די הוספה על לימוד התורה (מחמשה עשר באב ואילך), "יוסיף חיים על חייו" – די המשכה פון מחי' חיים (עצמותו ית') – איז דאס דוקא דורך ביטול (כנ"ל בארוכה).

והביאור בזה – דלכאורה איז איפכא מסתברא:

---

125) ראה סד"ה דודי לי ואני לו תרל"ו (סה"מ תרל"ו ח"ב ס"ע שמט). וראה ד"ה דודי לי תרנ"ד. סד"ה אני לודי עטר"ת. 126) שה"ש ו, ג. 127) ראה לקו"ת שה"ש כג, ד ואילך.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

בשלמא בנוגע צו קיום המצוות איז פארשטאנדיק אז דערצו דארף מען האבן די הכנה פון ביטול, "אשר קדשנו במצוותיו וצוונו", און ווי נשיא דורנו איז מבאר[128] אז אע"פ וואס מצוות טיילן זיך אויף חוקים עדות ומשפטים, דארף מען זיי אלע מקיים זיין אזוי ווי חוקים, ד.ה. מתוך ביטול.

אבער בנוגע צו תורה - "מאן מלכי רבנן"[129] - איז אדרבה: מ'מאנט פון א אידן אז ער זאל פראוועןבעה"ב'שקייט אין תורה, ניט ח"ו בעה"ב'שקייט בנוגע צו דער מסקנא והלכה בפועל, בנוגע לזה דארף זיין הקדמת נעשה לנשמע[130], אבער נאך דער "נעשה" דארף זיין דער "נשמע", מ'דארף פארשטיין דעם ענין בהבנה והשגה, וואס אויף דעם פאדערט זיך אז דער מענטש זאל מרגיש זיין מציאותו ושכל שלו און פירן בעה"ב'שקייט אין תורה, בכדי ער זאל פארשטיין דעם ענין אין תורה, און אויב ער פארשטייט ניט זאל ער פרעגן וכו'.

אויב ער וועט שרייען א גאנצן טאג אז ער איז מאמין באמונה שלימה אין תורה און אין כל הפרטים ופרטי פרטים שבתורה - איז ער טאקע מקיים די מצוה פון אמונת ה', און דער ענין פון מאכן א דירה לו ית' בתחתונים וכו', אבער די מצוה פון תלמוד תורה האט ער דערמיט ניט מקיים געווען! אויף דעם פאדערט זיך, אז ער זאל זיך פשוט זעצן און לערנען און פארשטיין דאס וואס ער לערנט.

אעפ"כ זעט מען אז בסוף תפלת העמידה, אין "אלקי נצור"[131], בעט יעדער איד באם אויבערשטן: "ונפשי כעפר לכל תהי'", און דוקא דאס איז א הכנה צו א פתיחה חדשה בלימוד התורה - "פתח לבי בתורתך"[132]!

שטעלט זיך די שאלה: ווי קען מען זאגן אז ערשט בסוף שמונה עשרה בעט מען "פתח לבי בתורתך" (ע"י ההכנה פון "ונפשי כעפר לכל תהי'") - ווען לפנ"ז האט ער שוין געלערנט תורה, אנהויבנדיק פון קריאת שמע, וואס האט א דין פון לימוד התורה, און דערפאר אז מען יוצא ברכת התורה מיט ברכת קריאת שמע (ברכת אהבה) אויב מ'האט מאיזה סיבה ניט געמאכט ברכת התורה לפנ"ז[133], ולפנ"ז - די משניות פון "איזהו מקומן" און פון מס' פאה, נוסף לזה וואס דער איד האט דאך העכטן געלערנט תורה, ביז אז עס קען זיין אז ער איז גאר א תורה-איד - היינט ווי קומט ער מיטאמאל בעטן ערשט בסוף

---

128) סה"מ תרפ"ו ע' ג. תרפ"ז ע' רג. ובכ"מ. 129) ראה גיטין סב, סע"א. 130) ראה שבת פח, א. 131) ברכות יז, א. 132) ראה גם לקו"ש מקץ תשד"מ ס"ו ואילך. 133) ברכות יא, ב ובפרש"י ותוס' שם. רמב"ם הל' תפלה פ"ז ה"י. טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סמ"ז ס"ז (ס"ו).

הנחות הת' בלתי מוגה

שמונה עשרה "פתח לבי בתורתך", כאילו ווי ביז דעמולט האט ער ניט געהאט פתיחת הלב בלימוד התורה?!

איז דער ביאור בזה:

אין "פתח לבי בתורתך" גופא זיינען פאראן דרגות. ע"ד ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא[134] בנוגע צו עבודת התשובה, אז "עיקר התשובה בלב והלב יש בו בחי' ומדרגות רבות והכל לפי מה שהוא אדם ולפי הזמן והמקום כו'", און דערפאר איז אפילו אויב ער האט תשובה געטאן בשלימותה, בשעת ער ווערט אבער דערנאך נתעלה צו א העכערע דרגא בלב פאדערט זיך פון אים א העכערע תשובה לפי די איצטיקע דרגא פון זיין לב.

עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו "פתח לבי בתורתך": היות אז "הלב יש בו בחי' ומדרגות רבות", זיינען זיכער פאראן א ריבוי דרגות אין פתיחת הלב בלימוד התורה.

און דעריבער, אע"פ וואס ער האט שוין נעכטן געלערנט תורה, און האט געזאגט די משנות ובריייתות וק"ש לפני שמונה עשר - איז בשעת ער קומט צו שמונה עשרה, ווען ער שטייט "כעבדא קמי' מרי'"[135], און דארטן גופא - בסוף שמונה עשרה, און ער איז זיכער דעמולט נתעלה געווארן - בעט ער "פתח לבי בתורתך", ער זאל האבן א פתיחה חדשה ונעלה יותר בלימוד התורה העכער ווי די פתיחת הלב שלו בלימוד התורה לפנ"ז.

און בכדי ער זאל האבן די פתיחה חדשה, "פתח לבי בתורתך" - דארף ער האבן די הכנה פון ביטול, דעריבער בעט ער "ונפשי כעפר לכל תהי'".

ובדוגמא ווי מ'געפינט בא ר' זירא[136] - "כי סליק לארעא דישראל יתיב מאה תעניתא דלשתכח תלמודא בבלא מיני' כי היכא דלא נטרדי'" און ער זאל קענען לערנען תלמוד ירושלמי.

כז. און די בקשה בתפלה "ונפשי כעפר לכל תהי' פתח לבי בתורתך", איז ווי שאר הבקשות בתפלה - בקשת צרכיו, ווי דער רמב"ם פסק'נט[137], אז "מצות עשה להתפלל כו' שואל צרכיו שהוא צריך להם".

---

134) פכ"ס (לו, ב). וראה גם לקו"ת ר"ה נח, סע"ד (בשם מרז"ל - ראה בהנסמן במ"מ ללקו"ת שם הוצאת תשד"מ). ס, סע"ד. 135) שבת י, א. 136) ב"מפה, א. וראה המשך תרס"ו ע' סו. המשך תער"ב ח"ב ע' א'נה ואילך. ד"ה ואברהם זקן תשל"ח ס"ה. וש"נ. 137) הל' תפלה פ"א ה"א-ב.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

און וויבאלד אז אנשי כנסת הגדולה האבן דאס ארייגעשטעלט בנוסח תפלת העמידה, איז פארשטאנדיק אז דאס איז א צורך פון יעדער איד, אפילו פון אן איש פשוט, אז עס זאל זיין "ונפשי כעפר לכל תהי' (וואס דוקא דעמולט קען זיין) פתח לבי בתורתך".

ובשעת ער בעט דאס, מיינט ער דאס מיט אן אמת, אז ער וויל עס טאקע האבן בפועל.

- מצות תפלה איז ניט דער פשט, אז ער זאגט אפ די תפלה בדיבור (לדוגמא ברכת רפאנו אדער ברכת השנים וכיו"ב) בכדי מקיים זיין פס"ד הרמב"ם אז מ'דארף בעטן צרכיו שהוא צריך להם, און אים איז ניט נוגע צי דער אויבערשטער וועט מקיים זיין בקשתו אדער ניט. אויב אים איז ניט נוגע צי די דער אויבערשטער וועט ממלא זיין בקשתו איז ער ניט מקיים די מצוה; די מצוה איז ער מקיים דוקא בשעת ער מיינט וואס ער זאגט און טראכט דערביי און אים איז בפירוש נוגע און ער וויל אז דער אויבערשטער זאל ממלא זיין בקשתו בפועל, אז "רפאנו" אדער "ברך עלינו", וכיו"ב.

די בקשה וואס ער בעט - איז תלוי אין דער רגש פון כאו"א וואס אים פעלט. וכמדובר כמ"פ[138] וואס נשיא דורנו האט געזאגט - איינער קען בעטן "פערל-גרויפען אין סופ", און א צווייטער קען בעטן "פערל אויפן האלדז": בברכת "רפאנו" קען איינער דערביי מיינען אז אין זיין עבודה באופן פון "באהבתו תשגה תמיד"[139] (וואס דאס איז שלימות העבודה, ווי דער רמב"ם איז מבאר בסוף הל' תשובה[140]) זאל ער דערביי ניט האבן קיין חולת אהבה - ד.ה. אז ער בעט פערל אויפן האלדז; און א צווייטער קען בעטן "רפאנו" כפשוטו - פערל אין סופ.

אבער די צד השוה איז, אז דאס וואס ער בעט דארף ער דאס בעטן מיט אן אמת, ניט סתם צו יוצא זיין, נאר דערביי וויל ער מיט אן אמת אז דער אויבערשטער זאל דאס ממלא זיין בפועל בעוה"ז הגשמי.

כח. ויה"ר אז בא יעדערן זאל מקויים ווערן בפועל די תפלות ובקשות צרכים וואס ער בעט - כאו"א לפי מדריגתו ולפי מעמדו ומצבו,

און דוקא אפגעמאסטן לויט די צרכים וואס ער דארף האבן, ניט ווייניקער דערפון, און אויך ניט מער דערפון - רוב טובה שאינם

---

138) ראה שיחת י"ג תשרי תשד"מ סי"ב (סה"ש תשד"מ ס"ע 160 ואילך). ועוד"מ. 139) משלי ה, יט. 140) פ"י.

הנחת הח' בלתי מוגה

יכולים לקבל[141], נאר קיום התפלה והבקשה איז דוקא פונקט וויפל דער אדם דארף האבן. אפילו ווען חוני המעגל האט ממשיך געווען גשמים בהשפעה מרובה, האט מען אים געזאגט אז עס איז רוב טובה שאינם יכולים לקבל, האט ער מתפלל געווען נאכאמאל ביז אז ס'איז נמשך געווארן כפי הנצרך.

און אזוי זאל אויך מקויים ווערן אלע תפלות ובקשות צרכים פון אידן, אפגעמאסטן לויט דער צורך פון אידן.

וואס דער עיקר צורך (שהוא צריך אליו) פון אלע אידן בשוה שטייענדיק בחושך ומר גלות הזה - איז די גאולה האמיתית והשלימה, און אידן וועלן ניט זיין צופרידן ביז די גאולה קומט בפועל ממש.

דעריבער בעט מען טאקע באם אויבערשטן אז ער זאל שוין ברענגען די גאולה, און מ'זאגט עס ניט בלויז בדיבור אלס יוצא וועגן, נאר מ'מיינט אז ער זאל דאס מקיים זיין בפועל, און לויט די דרגא פון אידן איצטער - דארף מען און מ'בעט ניט א גאולה ברוחניות הענינים און בדרגות נעלות, וואס דאס איז רוב טובה שאינם יכולים לקבל, נאר א גאולה כפשוטה למטה מעשרה טפחים בעוה"ז הגשמי.

וכידוע דער סיפור מיטן צ"צ און דעם רבי'ן מהר"ש[142], אז דער רבי מהר"ש האט געפרעגט באם צ"צ וואו איז דער קיום פון דעם קץ בשנה ההוא. האט אים דער צ"צ געענטפערט, אז ס'האט זיך דעמולט אפגעדרוקט דער לקוטי תורה[143]. האט אים דער רבי מהר"ש געזאגט, אז אידן ווילן האבן די גאולה כפשוטה!

דארף מען פארשטיין: מ'קען דאך ניט זאגן אז דער צ"צ האט זיך אפגעזאגט פון צו ענטפערן, אדער אז ער האט געענטפערט ע"ד הצחות, ובפרט אז גערעדט האט א נשיא הדור, און צו אזא וואס וועט זיין א נשיא הדור בדור שלאחריו, נאר זיכער איז זיין ענטפער אז ס'האט זיך אפגעדרוקט דער לקו"ת, א תירוץ אמיתי. שטעלט זיך די שאלה: צי דען האט דער צ"צ ניט געוואוסט אז אידן דארפן האבן די גאולה כפשוטה, און לאידך גיסא - צי דען האט דער רבי מהר"ש ניט געוואוסט אז ס'האט זיך אפגעדרוקט דער לקו"ת?

איז דער ביאור בזה:

---

141) ראה תענית כג, א. 142) לקו"ש ח"ו ע' 80 הערה 70. חי"ח ריש ע' 491. וראה שיחת ש"פ פינחס ש.ז. סל"ב. 143) ראה גם ס' השיחות תורת שלום ע' 237. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

לפי דרגתו פון דעם צ"צ איז דער לקו"ת (וואס האט זיך דעמולט אפגעדרוקט) די גאולה האמיתית והשלימה, און אזוי האט דער צ"צ אויך געזען דרגתו פון בנו אז דאס איז אזוי ווי דרגתו פון צ"צ, דערפאר האט ער אים געענטפערט ע"פ אמיתית הענינים אז עס האט זיך אפגעדרוקט דער לקו"ת.

אבער דער רבי מהר"ש, זייענדיק בנו ממלא מקומו, איז געווען דער ממוצע המחבר צווישן דעם צ"צ ונכסים שלו, ד.ה. (בענינינו) - קהל עדת חסידים, ועל ידם - עדת כל בני ישראל, האט ער געזען אז לויט דרגתם פון די חסידים איז דער לקו"ת רוב טובה שאינם יכולים לקבל, און לפי דרגתם דארפן זיי האבן די גאולה כפשוטה למטה מעשרה טפחים, "משיח נאו". דעריבער האט ער געזאגט, אז אידן דארפן האבן די גאולה כפשוטה.

וע"ד המבואר בלקו"ת פרשתנו[144], אז משה רבינו האט מתפלל געווען און געבעטן ("ואתחנן אל ה'") אז אין אידן זאל נמשך ווערן בחי' ראי', ווייל ער איז געשטאנען אויף די דרגא און האט געקוקט אויף אידן פון זיין דרגא. אבער באמת לויט דרגתם פון אידן האבן זיי דערביי נאך ניט געהאלטן.

וע"ד המבואר אויך בנוגע צו יעקב אבינו[145], אז מצד דרגתו איז ער געווען גרייט גיין "אל אדוני שעירה"[146] בגאולה האמיתית והשלימה, אבער "הילדים רכים והצאן והבקר עלות עלי"[147], ולפי דרגתם זיינען זיי נאך ניט גרייט דערצו.

און די המשכה דארף דאך זיין צו יעדערער לפי דרגתו (ניט רוב טובה שאינו יכול לקבל, כנ"ל) - ווי עס שטייט אין מדרש[148] אויף "ומשה הי' רועה"[149], אז "הי' מוציא הקטנים (צאן) לרעות כדי שירעו עשב הרך ואחר כל מוציא הזקנים כדי שירעו עשב הבינונית ואח"כ מוציא הבחורים שיהיו אוכלין עשב הקשה, אמר הקב"ה מי שהוא יודע לרעות הצאן איש לפי כחו יבא וירעה בעמו", ווייל אזוי דארף אויך זיין בא אידן אז מ'דארף זיי צושטעלן זייערע צרכים לפי כחם ודרגתם.

עד"ז האט דער רבי מהר"ש געזאגט דעם צ"צ, אז אע"פ וואס פאר אזא וואס שטייט אויף א העכערע דרגא איז דער לקו"ת די

---

144) ב, ד. ג, ד. 145) ראה תו"א ר"פ וישלח. תו"ח ר"פ וישלח. שם פ"ה (מא, ג). פ"ו (מב, ב-ג). לקו"ש ח"א ע' 69. שיחות ש"פ וישלח (סכ"א) וש"פ וישב (סכ"ב). ש.ז. 146) וישלח לג, יד. 147) שם, יג. 148) שמו"ר פ"ב, ב. 149) שמות ג, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

גאולה האמיתית והשלימה, אבער אידן – לויט דרגתם – דארפן האבן די גאולה כפשוטה, "משיח נאו".

זיכער האט דער צ"צ אויך געוואוסט אז לפי דרגתם פון אידן דארפן זיי האבן די גאולה כפשוטה, ובפרט אז דעמולט איז געווען א חושך כפול ומכופל פון גלות, און די גזירה אויף די קאנטאניסטן וכו' – אבער די בקשה האט געדארפט קומען מלמטה פון אזא, ווי דער רבי מהר"ש, וואס געפינט זיך אין וועלט און פארנעמט זיך מיט די קאנטאניסטן און זעט מלמטה למעלה זייער מצב, און ער זאל ארויסרופן בדיבור די בקשה.

ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו כללות ענין התפלה: דער אויבערשטער ווייסט דאך זיכער צרכי עמך, היינט פארוואס דארף מען אנקומען דערצו אז אידן זאלן מפרט זיין בתפלתם זייערע בקשות צרכים? ובפרט אז די בקשה ותפלה איז אז דער אויבערשטער זאל ממשיך זיין מתנת חנם – ווי רש"י איז מפרש אויף תפלת משה בפרשתנו: "ואתחנן – אין חנון בכל אלא לשון מתנת חנם, אף ע"פ שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים אין מבקשים מאת המקום אלא מתנת חנם"?

איז דאס דערפאר וואס דער אויבערשטער זעט עס ווי דאס איז מלמעלה, און ער וויל אז די בקשה זאל קומען בדיבור ובמעשה (עקימת שפתיו הוי מעשה[150]) דוקא מלמטה וואו מ'דארף בפשטות אנקומען צו דעם דבר הנצרך. און דעמולט – ווען די בקשה קומט פון דעם אדם למטה – איז דער אויבערשטער דאס מקיים בפועל און לפי דרגת האדם.

עד"ז בענינו: דער צ"צ האט געוואלט אז דוקא דער רבי מהר"ש, וואס שטייט למטה און איז דער ממוצע צווישן דעם צ"צ מיט אידן, זאל בעטן און ארויסרופן דעם ענטפער אז מ'דארף האבן די גאולה כפשוטה, און לאחרי ווי ער האט דאס ארויסגערופן, איז דער ענטפער טאקע באופן אחר.

און דער עיקר איז מעשה בפועל – אז די גאולה כפשוטה זאל קומען תיכף ומיד ממש, "מיד הן נגאלין", למטה מעשרה טפחים,

און "הקיצו ורננו שוכני עפר"[151], ומשה עמהם[152], גואל

---

150) ב"מ צ, סע"ב. סנהדרין סה, ריש ע"ב. וראה גם תניא פל"ז (מז, א). פל"ח (נ, א–ב). פנ"ג. 151) ישעי' כו, יט. 152) ראה תוד"ה אחד – פסחים קיד, ב. וראה יומא ה, ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

ראשון הוא גואל אחרון[153], און עס ווערט מקויים בקשת ותפלת משה אלס גואל ראשון - "ואתחנן אל ה'" - בשעת ער ווערט גואל אחרון, אז "ושב ה' אלקיך את שבותך גו' וקבצך מכל העמים אשר הפיצך ה' אלקיך שמה, אם יהי' נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה' אלקיך גו'"[154].

און אזוי אויך ווערן מקויים אלע תפלות פון אידן, וואס אויך לע"ל וועט דאך זיין דער ענין התפלה, ואדרבה - דעמולט וועט עס זיין בתכלית השלימות, אזוי ווי דאס איז בנוגע צו קרבנות ותמידים - וואס תפלות במקום קרבנות תקנום[155] - "ושם נעשה לפניך כמצות רצונך".

וכל זה - במהרה בימינו ממש, "ושמחת עולם על ראשם"[156].

* * *

כט. מאמר (כעין שיחה) ד"ה נחמו נחמו עמי.

* * *

ל. ס'איז אויך רגיל אפצלערנען א פסוק פון פרשת השבוע צוזאמען מיט פירוש רש"י; אן ענין אין פרקי אבות פון דעם שבת - לויט מנהגנו אז מ'לערנט פרקי אבות בכל שבתות הקיץ; אן ענין אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו; און אן ענין אין דעם שיעור היומי ברמב"ם.

בפרשתנו (קאפיטל ד פסוק מא) שטייט: "אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן". ופירש רש"י: "אז יבדיל - נתן לב להיות חרד לדבר שיבדילם. ואע"פ שאינן קולטות עד שיבדלו אותן שבארץ כנען, אמר משה מצוה שאפשר לקיימה אקיימנה".

צייכענען אן מפרשים[157] אז דאס איז ע"ד ווי פירוש רש"י עה"פ[158] "אז ישיר משה": "אז, כשראה הנס, עלה בלבו שישיר שירה כו', וכן עשה ויאמרו לאמר אשירה לה' כו'", און ער ברענגט אויף דעם כמה דוגמאות, ומהם: "וכן שירת הבאר שפתח בה אז ישיר ישראל[159] פירש אחריו עלי באר ענו לה"[159], ועוד.

דאס הייסט: דער לשון "אז ישיר" באדייט א דבר והיפוכו, ווייל

153) ראה שמו"ר פ"ב, ד. זח"א רנג, א. שער הפסוקים פ' ויחי. תו"א ר"פ משפטים. - נתבאר בלקו"ש חי"א ע' 8 ואילך. 154) נצבים ל, ג-ד. 155) ברכות כו, א-ב. זח"ב כ, ב. 156) ישעי' לה, י. שם נא, יא. 157) רא"ם, גו"א, שפ"ח כאן. 158) בשלח טו, א. 159) חוקת כא, יז.

הנחה הת' בלתי מוגה